# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** בערך אכציג יאר צוריק האבן די "מענטשעוויקן" גענומען קאנטראל פון דעם רעגירונג אין רוסלאנד, אויף א קורצע צייט. די "מענטשעוויקן" זענען אנדערש געווען ווי די קומאניסטישע "באלשעוויקן" ימ"ש, וועלכע האבן סוף כל סוף באזיגט די "מענטשעוויקן." אין די קורצע צייט ווען די "מענטשעוויקן" זענען געווען אין קאנטראל, איז עס געווען אסאך אסאך לייכטער פאר די אידן, ווי עס איז געווען אין פריעדיגע און שפעטערע רעגירונגען אין רוסלאנד. פאר הונדערטע יארן פאר דעם, האבן אידן געליטן אונטער די רשעותדיגע צארס ימ"ש. די צארס האבן שטארק גערודפט און געפייניגט די אידן. יעצט אבער, אונטער די "מענטשעוויקן" האבן די אידן געהאט פרייהייט (אפילו עס האט געדויערט נאר א קורצע צייט ביז די רשעותדיגע קומאניסטישע "באלשעוויקן" האבן גענומען קאנטראל.) דורך דעם קורצען צייט, זענען אסאך אידן אריינגעגאנגען אין דעם צירונג באשעפטיקונג, און זיי האבן ב"ה זייער מצליח געווען. דער פאלגענדער מעשה איז דערציילט געווארן צו ר' שלום שוואדרון ז"ל אין ארץ ישראל, דורך א איד וואס האט געלעבט אין יענע תקופה. דער מעשה ווייזט אויף דעם כח פון תפילה בציבור.

"איך בין געווען א דימענט און צירונג סוחר און איך האב ב"ה גוט מצליח געווען. יעדען טאג אכט אזייגער בין איך אנגעקומען צו דעם דימענט בערסע (וואו די דימענט סוחרים האבן זיך געטראפן) וואו איך האב געהאנדעלט מיט איידלשטיינער און צירונג, וכו'. איין טאג בין איך אויפגעשטאנען אביסל פריער, און איך האב זיך מיישב געווען אריינצוגיין אין מיין אפיס אים דעם בערסע אביסל פריער ווי געוועהנטליך. יענעם טאג האב איך געהאלטן ביי מיר דעם קליינעם האלטער פול מיט דימענט און צירונג, וואס איך האב מיט מיר מיטגעברענגט איבעראל, ווייל פארשטייט זיך אז איך האב נישט געקענט עס לאזען ערגעץ נישט.

בשעת איך בין געגאנגען אויף די גאס, האב איך געהערט איינער שרייען "א צענטער, א צענטער!" איך האב געגעבן א דריי אויס צו זען א איד שטייען אין דעם קליינעם טיר פון א שטיבל. דער איד האט געזוכט דעם צענטען מענטש צו משלים זיין א מנין. ווען דער איד האט מיך געזען אויסדרייען צו אים, האט ער געשריגן "קום אריין, קום אריין, מיר דארפן אייך פאר א מנין!"

טראכטענדיג אז איך האב געהאט אפאר איבריגע מינוט, בין איך גלייך אריינגעגאנגען צו משלים זיין דעם מנין. אבער, ווען איך בין אריינגעגאנגען, האב איך געזען אז עס זענען געווען נאר דריי אנדערע מענטשן אויסער מיך מיט דעם איד ביי דער טיר, וואס איז שוין צוריקגעגאנגען זוכן דעם "צענטער!" "וואס איז דאס?" האב איך געפרעגט. "איך בין דעם פיפטער. עס וועט נעמען דעם גאנצען צופרי צוזאמענצושטעלן א מנין דא!" האב איך געזאגט. "זארגט אייך נישט," האט איינער געזאגט, אסאך אידן גיין אדורך די גאסן יעדען טאג אינדערפרי. מיר גיין האבן דעם צענטער שוין!"

פארשטערט אז זיי האבן מיך "געכאפט," האב איך זיך אראפגעזעצט און אנגעהויבן צו זאגן תהלים פאר עטליכע צען מינוט. דאן האבן זיי מצליח געווען צו טרעפן נאך איין איד. איך בין אויפגעשטאנען ארויסצוגיין, אבער דער איד ביי דער טיר וואס האט מיך אריינגעברענגט האט מיך שטארק געבעטן, זאגענדיק, "הער צו, עס איז מיין טאטע'ס יארצייט. איך מוז זאגן קדיש. איך בעט אייך, בלייב דא. איך גיי פרובירן צוזאמענצושטעלן דעם מנין ווי שנעלער."

"איך קען נישט בלייבן מער," האב איך אים געזאגט. "איך דארף זיין ביי מיין אפיס אכט אזייגר! און יעצט איז פונקט אכט אזייגר!" דעמאלט איז דער איד געווארן שטארק אויפגערעגט אויף מיך. "הער צו, איך לאז דיר נישט ארויסגיין! איך האב יארצייט. איך מוז זאגן קדיש! גלייך ווען מען טרעפט דעם צענטען גיין מיר גלייך דאווענען!"

איך האב אים נישט געוואלט אויפרעגן מער. צוליב דעם בין איך צוריקגעגאנגען צו זאגן תהלים. נאך צען מינוט איז דורכגעגאנגען, און ער האט נאר אריינגעברענגט נאך צוויי נפשות. נאך אמאל, בין איך אויפגעשטאנען ארויסצוגיין. ווען איך האב געהאלטן ביים ארויסגיין פונעם שטיבל, האט יענער איד מיך אפגעשטעלט און געזאגט: "יעצט, הער צו, טאמער איר וואלט געווען דער מענטש וואס האט געהאט יארצייט פאר זיין טאטען, דעמאלט וואלט איר געוואלט אז איך זאל דא בלייבן. נישט ריכטיג?!?

איך וואלט געבליבן, יעצט בעט איך אז איר זאלט טון די זעלבען חסד מיט מיר!"

דורך הערן וואס דער איד האט געזאגט, האב איך מסכים געווען צו בלייבן. בערך האלב נאך אכט, האבן מיר געהאט א מנין. איך האב געמיינט אז דער איד וועט זאגן א משנה און גלייך נאכדעם קדיש. אבער איך האב זיך טועה געווען! ער האט אנגעהויבן ביי "הבכור והמעשר וכו'" און דעמאלט האט ער געזאגט דעם ערשטען קדיש דרבנן פון דאווענען. איך בין געווארן נערוועז, טראכטענדיק אז איך גיי נישט אנקומען צו מיין ארבעט ביז היבש נאך ניין אזייגר!

אסאך מאל דורכן דאווענען האב איך ארומגעקוקט צו זען אויב אן עלעוועטער מענטש וועט אריינקומען, כדי איך זאל קענען ארויסגיין. אבער, קיינער איז נישט אריינגעקומען. איך בין געבליבן דארט ביז די לעצטע קדיש. נאכדעם וואס מען האט געענדיגט, האט דער בעל תפילה אונז שטארק באדאנקט. דאן האט ער ארויסגעלייגט בראנפען מיט מזונות "דער תיקון." נאר דעמאלט האט ער אונז געלאזט ארויסגיין.

איך בין ארויסגעגאנגען אויפן וועג צום ארבעט, האלטענדיג מיין קליינעם האלטער פול מיט די טייערע דימענט און צירונג וכו'. ווען איך בין געקומען ביז צוויי גאסן אוועק פון מיין אפיס אין דעם בערסע, איז אריבערגעלאפן א באקאנטער צו מיר ווייזענדיק ווילדערהייט מיט זיינע הענט.

"שנעל, גיי אוועק פון דא..." האט ער געשריגן. "די באלשעוויקן (קומאניסטן) האבן גענומען קאנטראל פון דעם רעגירונג היינט, און זיי זענען אריינגעקומען און געהרגט די אידן אין דעם דימענט בערסע. יעצט זענען זיי פארנומען גנבענען אלעס וואס זיי קענען. לויף אוועק און ראטעווע דיין לעבן!"

און אזוי האב איך געטון. איך בין געבליבן באהאלטן אפאר טעג, און סוף כל סוף בין איך ב"ה אנגעקומען קיין א"י. דאס איז געווען מיין שכר פאר דאווענען מיט א מנין! שטעלט אייך פאר וואס וואלט געשען צו מיר טאמער איך וואלט ארויסגעגאנגען פונעם מנין פריער!"

פון דעמאלט און ווייטער האט ער קיינמאל נישט חרטה געהאט צו משלים זיין א מנין. אדרבה, אפילו אין זיין עלטערע יארן האט דער איד געזוכט צו משלים זיין מנינים.

די וואכעדיגע סדרה רעדט פון דעם כח התפילה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "...ויאנחו בני ישראל מן העבדה ויזעקו ותעל שועתם אל האלקים מן העבדה. וישמע אלקים את נאקתם ויזכר אלוקים את בריתו וגו'" זאגט דער מדרש אויפן פסוק, "שמע הקב"ה לתפלתן והוציאן ביד חזקה ובזרוע נטויה." (מדרש רבה שיר השירים ב,לה) דורך די תפילות פון די בני ישראל, האט דער אייבערשטער געדענקט דעם בונד וואס ער האט געמאכט מיט די אבות, ד"ה צו ברענגען די גאולה. פון דא זעט מען דעם שטארקען כח פון תפילה, ווייל דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די בני ישראל פון גלות מצרים דורך תפילה.

א איד'ס תפילות האבן די שטערקסטע כח ווען ער דאווענט צוזאמען מיט א מנין אין שול. דער הייליגער רמב"ם זי"ע פסקנט אז "תפלת הציבור נשמעת תמיד ואפילו היו בהן חוטאים אין הקדוש ברוך הוא מואס בתפלתן של רבים, לפיכך צריך אדם לשתף עצמו עם הציבור, ולא יתפלל ביחיד כל זמן שיכול להתפלל עם הציבור, ולעולם ישכים אדם ויעריב לבית הכנסת שאין תפלתו נשמעת בכל עת אלא בבית הכנסת וכו'" (הלכות תפלה פרק ח,א) ד"ה דער אייבערשטער הערט צו צו די תפילות פון א מנין, וועגן דעם דארף מען זיך שטענדיג פרובירן צו דאווענען מיטן ציבור. זאגט ריש לקיש אויף דעם ענין: "כל מי שיש לו בית הכנסת בעירו ואינו נכנס שם להתפלל - נקרא שכן רע וגו'" (ברכות ח.) דער שלחן ערוך ברענגט די גמרא און פסקנט אז דורך נישט דאווענען מיטן ציבור איז מען "[ו]גורם גלות לו ולבניו," ל"ע. (א"ח סימן צ, ס"ק י"א) מדה טובה איז דאך מרובה ממדת פורענות! (סנהדרין ק:) אזוי ווי דער משנה ברורה לייגט צו "וכל המשכים ומעריב לבהכ"נ זוכה לאריכת ימים." (א"ח סימן צ, מ.ב. לט) אזוי ווי מיר האבן געזען אין דעם מעשה!

פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידן פון גלות דורך תפילה, אזוי אויך בעטן מיר אז דער אייבערשטער זאל אונז אויסלייזען פון דער היינטיגער גלות דורך תפילה, בפרט דורך דעם געוואלדיגען כח פון תפילה בציבור. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב למוה"ר משה שפוטץ שליט"א לרגל שמחת אירוסי בנו אליעזר זוסיא הי"ו**

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש: לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**